ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## שלח

(חלק כח שיחה א)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת שלח, יט־כה סיון, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# שלח

א. אין היינטיקער סדרה ווערט דער־ציילט וועגן חטא המרגלים, זייער הו־צאת דיבה על הארץ[1], און צווישן די עניני דיבה וואָס זיי האָבן געזאָגט איז געווען — „ושם[2] ראינו את הנפילים בני ענק מן הנפילים ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם".

שטעלט זיך רש"י אויפן וואָרט „הנפי־לים" און איז מפרש: ענקים מבני שמ־חזאי ועזאל שנפלו מן השמים בימי דור אנוש.

לערנען מפרשים[3], אַז רש"י באַוואָרנט די שווערקייט פונעם כפל לשון „נפילים" אין פסוק (— „הנפילים .. מן הנפי־לים")[4], איז רש"י מסביר, אַז די צוויי מאָל „נפילים" האָבן יעדער פון זיי אַן אַנדער אָפּטייטש: דער ערשטער „נפילים" מיינט — „ענקים" (ווי רש"י טייטשט אין פ' בראשית[5] אַז „נפילים" — „בלשון עברית לשון ענקים הוא"), און דער צווייטער מאָל — „(בני ענק) מן הנפילים" — איז „מלשון נפילה שנפלו מן השמים", און דער פשט אין פסוק איז, אַז זיי האָבן געזען די ענקים וואָס האָבן געשטאַמט „מאותם שנפלו מן השמים שהם שמחזאי ועזאל".

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין (נוסף אויף דער שווערקייט אין זייער פירוש, כדלקמן סעיף ג): למאי נפק"מ אין פשוטו של מקרא צו וויסן (א) אַז די נפילים שנפלו מן השמים האָבן געהייסן שמחזאי ועזאל, און (ב) אַז זייער נפילה איז געווען „בימי דור אנוש"[6]?!

נאָך מער איז די תמי': ביים פסוק „הנפילים היו בארץ" (אין פ' בראשית[5]) געפינט מען ניט אַז רש"י זאָל מודיע זיין די נעמען פון די נפילים — איז תמוה: וויבאַלד אַז במקום סיפור המאורע (אין פ' בראשית) האָט רש"י ניט געפונען פאַר נויטיק צו ברענגען די נעמען פון די „נפילים" — דוקא בפרשתנו, וואו דער ענין הנפילים ווערט דערמאָנט נאָר בדרך אגב, דאַרף רש"י לאָזן וויסן זייערע נעמען[7]?!

אויך דאַרף האָבן אַ ביאור: בנוגע די נעמען פון די „נפילים" שנפלו מן השמים געפינט מען אין חז"ל צוויי דעות: אין מס' יומא[8] ווערט געזאָגט „מעשה עוזא ועזאל" (און אַזוי ברענגט זיך בכ"מ במדרשים[9]); אָבער תרגום יונתן[10] זאָגט „שמחזאי ועוזיאל" (ועד"ז אין מס' נדה[11]: סיחון ועוג בני אחי' בר

1) יג, לב.

2) שם, לג.

3) רא"ם. ועוד.

4) „ועוד שאין טעם לומר ושם ראינו את הנפילים מן הנפילים" (רא"ם שם).

5) ו, ד.

6) ועוד: בפרש"י בראשית שם (ד"ה בימים ההם) כ' „בימי דור אנוש ובני קין" — וכאן משמיט רש"י „ובני קין" (וברמב"ן בראשית שם מעתיק מרש"י רק „בימי דור אנוש").

7) ומובן שאין לומר, דמאחר שהכתוב (לעיל פסוק כב) הודיע שמות הענקים שראו, מוכרח רש"י לכתוב השמות של הנפילים הראשונים. וראה רשב"ם ורמב"ן כאן.

8) סז, ב — וכן נעתק בהד"ה בפרש"י שם.

9) דב"ר ספי"א. זח"א לז, א. ועוד.

10) בראשית שם.

11) סא, סע"א.

שמחזאי. ובפרש״י שם: שבא משמחזאי ועזאל[12]) און אַזוי ברענגט זיך אין נאָך ערטער[13].

— פאַרוואָס קלייבט אויס רש״י דוקא די דעה „שמחזאי ועזאל", און ניט „עוזא ועזאל"[14]?

ב. נוסף אויף דער הוספה פון רש״י דאָ בנוגע די שמות הנפילים — איז אין דעם עצם אָפּטייטש פון וואָרט „נפילים" פאַראַן לכאורה אַ שינוי אין פרש״י:

דאָ בפרשתנו זאָגט רש״י „שנפלו מן השמים", משא״כ אויפן פסוק[5] „הנפילים היו בארץ" טייטשט רש״י[15] „על שם שנפלו והפילו את העולם", וואָס דער טייטש פון „נפלו" (בפשטות) איז[16], אַז זיי זיינען נאבד געוואָרן מן העולם (ע״ד „הפילו את העולם" שבפרש״י תיכף לאח״ז).

[עס זיינען פאַראַן מפרשים[17] וואָס זאָגן, אַז כוונת רש״י דאָרט איז „נפלו מן העולם[18] ר״ל מן העולם העליון שהם שמים", אַזוי ווי רש״י טייטשט דאָ בפרשתנו „שנפלו מן השמים". אָבער לכאורה צע״ג צי מ'קען אַזוי זאָגן דעם פירוש, היות ס'איז אויף דעם ניטאָ קיין רמז אפילו בלשון רש״י, ואדרבה, כנ״ל, רש״י זאָגט ביידע בחדא מחתא „שנפלו והפילו את העולם"[19]].

איז תמוה ביותר: פאַרוואָס איז רש״י דאָ משנה פון זיין פירוש אין פ' בראשית און זאָגט אַ נייעם פירוש „שנפלו מן השמים"?

[וואָרום אויך לויט דעם פירוש „שנפלו והפילו את העולם" איז פאַרשטאַנדיק ווי די הדגשה „מן הנפילים" וועט אָנוואַרפן אַ פחד אויף אידן[20] (ובפרט — לויטן צווייטן פירוש אין רש״י דאָרט[15] אויף די ווערטער „אנשי השם" — „אנשי שממון ששממו את העולם")].

נאָך מער: דער שינוי אין פרש״י פון „נפילים", מאַכט אַ שינוי ניט נאָר אינעם אופן נפילתם (צי נפלו מן העולם, אָדער נפלו מן השמים) — נאָר אויך אין דעם מהות „הנפילים":

לויט פרש״י אין בראשית, זיינען די „נפילים" געווען בני אדם (און מלאכים און שמים — מאן דכר שמייהו) וואָס „נפלו והפילו את העולם" דורך זייערע חטאים. ועד״ז איז רש״י מפרש (בפירושו הראשון והעיקרי[21]) די ווערטער

12) ולכאורה משמע שכן — עזאל — גריס בש״ס שם, ולא לאפושי מחלוקת. וראה גם בעה״ט בראשית שם.

13) יל״ש בראשית שם (רמז מד).

14) ולהעיר שבפרש״י אחרי (טז, ח) מפרש „עזאזל" — „הר עז כו'" (ע״פ דעות הראשונות ביומא שם), ולא כתנא דבי ר״י (ביומא שם) „שמכפר על מעשה עוזא ועזאל" (והטעם י״ל כי אינו ע״ד הפשט כלל).

15) ע״פ ב״ר ספכ״ו.

16) כמ״ש בס' זכרון, רא״ם, גו״א ועוד שם. וכ״כ ביפ״ת (השלם) לב״ר שם. פי' מהרז״ו שם. ועוד.

17) נחלת יעקב (הובא בשפ״ח) בראשית שם.

18) לשון המדרש שם.

19) ולהעיר שרש״י משמיט ענין הג' (בב״ר שם) „ושמלאו את העולם נפלים כו'".

20) ועוד ועיקר: עצם הענין שהענקים מתייחסים לנפילים הקדמונים דפ' בראשית ש„המה הגבורים אשר מעולם" (בראשית שם) יש בו כדי להפחיד את בנ״י (ראה רמב״ן כאן בסופו).

21) משא״כ בפי' הב' שם „הם השרים* ההולכים בשליחותו של מקום אף הם היו מתערבים בהם".

אבל להעיר (נוסף ע״ז שבכת״י רש״י אחדים (שתח״י) ליתא. וראה גם רש״י עה״ת הוצאת

*) ראה רש״י עה״ת הוצאת בערלינער שיש גירסא „שדים".

(בפ׳ בראשית שם[22]) „בני האלקים״ — ניט מלאכים[23] נאָר „בני השרים והשופטים״.

משא״כ לויט פרש״י בפרשתנו — „שנפלו מן השמים״ — זיינען די נפילים געווען מלאכים.

איז תמוה ביותר, פאַרוואָס איז רש״י מחדש אַ נייעם פירוש אין „נפילים״?

ג. ויש לומר דעם ביאור אין דעם אַלעם:

די שאלה אין פסוק וואָס רש״י קומט פאַרענטפערן, איז ניט (אַזוי) דער כפל אין פסוק „הנפילים . . מן הנפילים״

— וואָרום ראשית כל, איז דער כפל ל׳ „נפילים״ כשלעצמו ניט קיין (גרויסער) חידוש, מען געפינט כמה פעמים אַז די תורה איז כופל אַ לשון צוליב תוספת הדגשה[24]

[וע״ד התואר[25] „צדיק בן צדיק״, וואָס קומט אונטערשטרייכן גודל הצדקות של הבן, ועד״ז בענינו, אַז דורך זאָגן „נפי־לים (ענקים) . . מן הנפילים״ קומט צו אַ הדגשה יתירה אין דעם, ובמילא — אין דער הפחדה פון אידן (ולכן איז ניטאָ קיין הכרח צו זאָגן אַז די צוויי מאָל „נפילים״ זיינען משונה זמ״ז — האָבן פאַרשידענע טייטשן)],

און נוסף לזה, אויב די שווערקייט איז מצד כפל ל׳ „נפילים״, האָט רש״י געדאַרפט מעתיק זיין (אין דבור המתחיל) אויך (ואדרבה — בעיקר) די ווערטער „מן הנפילים״, וואָס זיי זיינען די הכפלה —

נאָר די שאלה (פון רש״י) איז: אין די פריערדיקע פסוקים ווערט דערציילט ווי די מרגלים האָבן מתאר געווען די שטאַרקייט פון די יושבי הארץ — „אפס כי עז העם גו׳ והערים גו׳ וגם ילידי הענק ראינו שם״[26]. שטעלט זיך די שאלה: וואָס האָבן די מרגלים דאָ (ביי „ויוציאו דיבת הארץ״) מחדש געווען לגבי זייערע פריערדיקע רייד „וגם ילידי הענק ראינו שם״[27] (חוץ פון צוגעבן דעם תואר „נפילים״)[28]?

איז רש״י מפרש, אַז „נפילים״ מיינט די „ענקים מבני שמחזאי ועזאל שנפלו מן השמים״, וואָס דערמיט ווערט מובן ווי די מרגלים האָבן דאָ מוסיף געווען

---

בערלינער): א) ההמשך בפרש״י „כל אלקים שבמקרא לשון מרות כו׳״ קאי (לכאורה) על פירוש הראשון** (אבל ראה לבוש שם). ב) גם בפירוש זה לא כתב רש״י (כפדר״א פכ״ב. ועד״ז שם פ״ז) „מלאכים״ אלא „שרים״. ולהעיר מראב״ע בראשית שם. ואכ״מ.

22) ו, ב. — שמזה מובן שכ״ה הפירוש גם בפסוק ד שם.

23) כדעת הפדר״א שם.

24) ולהעיר מפרש״י (לך יד, י): בארות בארות, בארות הרבה. — אלא שבנדו״ד אין הכוונה שהוא כפל (כמו „בארות בארות״), אלא דזה שהמרגלים חדשו והודיעו „הנפילים . . מן הנפילים״, שמוצאם מנפילים, היתה הדגשה יתירה ב„ענקיות״ שלהם — שגם אבותיהם היו ענקים — בכדי להוסיף בההפחדה כו׳.

25) רש״י תולדות כה, כא.

---

**) ובא׳ מכת״י רש״י (שתח״י) ענין זה (כל אלקים כו׳) בא **לפני** „ד״א״.

---

26) יג, כח.

27) ראה גם משכיל לדוד כאן ד״ה ענק.

28) ברמב״ן כאן (בסופו) „ועתה חזרו להפליג להם בחזקת הענקים . . לקרא אותם נפילים . . והם מן הנפילים הקדמונים אשר שמעתם עליהם כו׳״. אבל: (א) לכאורה פרט זה (והם מן הנפילים הקדמונים) **אינו** הפלגה כ״כ בחוזק שלהם. (ב) ועיקר: בפסוק הא׳ של הוצאת דיבת הארץ נאמרו רק דברים חדשים לגמרי („ארץ אוכלת יושבי׳ גו׳ וכל העם גו׳״, וכפרש״י — נעתק לקמן הערה 34), ולכן מסתבר שגם בפסוק זה יש דבר חדש לגמרי.

אַן ענין חדש לגמרי: דאָס זיינען לגמרי ניט פון דעם סוג אפילו פון די „ילידי הענק" וועלכע זיי האָבן פריער דער־מאָנט (וואָס וועגן זיי האָט מען גע־לערנט אין פ׳ בראשית, „הנפילים היו בארץ"[29]) — ד.ה. מענטשן וואָס די הפחדה זייערע איז נאָר דאָס וואָס זיי זיינען גרויס און הויך אין וואוקס, ריזן — נאָר דאָ ווערן געמיינט „נפילים" (ענקים כנ"ל, אָבער) וועלכע האָבן גע־שטאַמט פון מלאכים, „שנפלו מן השמים".

ד. און דאָס איז אויך דער טעם פאַר־וואָס די מרגלים האָבן דאָס געזאָגט דוקא דאָ, ביי „ויוציאו דיבת הארץ" — ווייל דער ענין איז פאַרבונדן מיט דעם חידוש וואָס איז פאָרגעקומען בהזמן צווישן זייערע פריערדיקע דיבורים און די דיבורים:

די תורה דערציילט, אַז ווען די מרגלים האָבן פאַרענדיקט זייערע רייד וועגן דער שטאַרקייט פון די יושבי הארץ, איז נאָכדעם געווען דער „ויהס כלב את העם גו׳ ויאמר עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול נוכל לה"[30], און ווי רש"י איז מפרש, אַז כלב האָט משתיק געווען, אָפּגעשלאָגן די טענת המרגלים (אַז „עז העם גו׳"), זאָגנדיק אַז משה האָט באַוויזן גאָר גרויסע נסים, שלמעלה מן הטבע לגמרי („והלא קרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו"), און דעריבער איז „עלה נעלה, אפילו בשמים והוא אומר עשו סולמות ועלו שם נצליח בכל דבריו"[31].

29) ועפ"ז יתורץ (עכ"פ יומתק) זה שרש"י לא הביא כאן (כרשב"ם ורמב"ן) הקרא ד„הנפילים היו בארץ".

30) שם, ל.

31) ראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע׳ 86 ואילך.

אויף דעם האָבן די מרגלים געענט־פערט „לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו"[32], און ווי רש"י איז מפרש „כביכול כלפי מעלה אמרו". וואָרום אויב „ממנו" מיינט נאָר די אידן, איז עס אינגאַנצן ניט קיין ענטפער אויף דעם וואָס כלב האָט אויפגעוויזן, אַז דער אויבערשטער קען מאַכן נסים צו העלפן אידן. מוז מען בכן מפרש זיין[33], אַז דערמיט האָבן זיי געמיינט „כלפי מעלה".

אָבער מיט דעם אַליין האָבן זיך די מרגלים ניט געקענט באַגנוגענען, ווייל סוף־סוף ווי קען זיך אָפּלייגן ביי אידן (וועלכע האָבן געזען די אַלע נסים) אַז עס קען זיין אַ מציאות פון „חזק הוא ממנו" (כלפי מעלה)?

דעריבער האָבן די מרגלים מוסיף געווען נייע ענינים — „ויוציאו דיבת הארץ גו׳" — וועלכע גיבן כאילו אַן אָרט אויף אַ מציאות פון „חזק הוא . . כלפי מעלה"[34].

און דאָס איז וואָס די מרגלים האָבן דאָ מוסיף געווען „ושם ראינו את הנפי־לים גו׳": זיי האָבן ניט געמיינט די שטאַרקייט זייערע מצד זייער גשמיות׳־דיקער הויכקייט (אַלס ענקים) — ווייל, כמובן בפשטות, האָט גשמיות׳דיקע הויכקייט ניט קיין באַטרעף קעגן „מעלה"[35] — נאָר אַ תוקף וחוזק מיוחד

32) שם, לא.

33) ראה גם לבוש על פרש"י שם.

34) ולכן הדגישו ב„דיבת הארץ" (שם, לב) דברים בלתי טבעיים: ארץ אוכלת יושבי׳ — בכל מקום שעברנו מצאנום קוברי מתים (רש"י). וכל העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות (גדולים וגבוהים. רש"י).

35) להעיר מנח יא, ה ובפרש"י שם, א. רש"י (חקת כא, לד. דברים ג, ב) בנוגע לעוג.

וואָס ווערט געמיינט אין וואָרט „נפי־לים": „ענקים מבני שמחזאי ועזאל שנפלו מן השמים", אַז זיי זיינען געווען ניט סתם „ענקים", נאָר זיי האָבן געשטאַמט (פון מלאכים „שנפלו) מן השמים", און דערפאַר איז בכחם צו מורד זיין קעגן שמים כו'.

ה. ביים „בן חמש למקרא" איז דאָס אָבער פאָרט ניט גלאַטיק — (א) אַז אַ מלאך זאָל מורד זיין בהקב"ה[36], (ב) אַז אַ מלאך אפילו זאָל קענען האָבן עפּעס אַ כח דורכצופירן זיין מרידה קעגן אויבערשטן[*36].

— דערפאַר איז רש"י מוסיף אַז „(נפלו מן השמים) בימי דור אנוש", וואָס דערמיט ווערן באַוואָרנטביידע ענינים הנ"ל:

א) וועגן דור אנוש זאָגט דער פסוק[37] „אז הוחל לקרוא בשם ה'", און ווי רש"י איז דאָס מפרש „לקרוא את שמות האדם . . בשמו של הקב"ה לעשותן אלילים כו'" — איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך די נפילה פון די מלאכים מן השמים אין יענעם דור איז פאַרבונדן מיט אַ מרידה נגד ה'.

ב) וויבאַלד די נפילים שטאַמען פון די מלאכים „שנפלו מן השמים בימי דור אנוש", זיינען זיי דאָך ניט נאבד געוואָרן דורכן מבול[38]. ד.ה. אע"פ אַז די מי המבול זיינען געווען דורך ארובות השמים נפתחו[39], גשם מן השמים[40], רות־חין[41] און „וימח את כל היקום"[42], האָט עס אָבער ניט אָפּגעמעקט יוצאי חלציהם פון די נפילים, און דאָס באַווייזט, אַז זייער שטאַרקייט איז עד כדי כך, אַז אפילו אַן עונש מן השמים האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז עס זאָל אויף זיי קיין שליטה ניט האָבן[43]!

ו. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י ברענגט די נעמען פון די נפילים — „שמחזאי ועזאל" — ווייל דאָס איז נאָך מער מדגיש זייער שטאַרקן „כח" למרוד נגד ה':

ביי די נפילים בפ' בראשית[5] זאָגט דער פסוק „אנשי השם", און רש"י איז דערויף מפרש „אותם שנקבו בשמות . . שנקבו ע"ש אבדן שנמוחו והותשו", והיינו אַז אין די שמות פון די נפילים איז מרומז אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער מהות.

ועד"ז בעניננו, אַז די נעמען „שמחזאי ועזאל" זיינען מרמז אויף זייער תוכן — און רש"י דאַרף ניט אויסטייטשן אין וואָס דאָס באַשטייט, ווייל דאָס איז דער פירוש הפשוט פון די שמות:

36) ברש"י יומא שם „מלאכי חבלה" — אבל (בפשטות) גם אלו הם בשליחותו של מקום (וראה רש"י בראשית ג, כד).

*36) להעיר מרש"י וירא יט, כב.

37) בראשית ד, כו.

38) ראה רש"י לך יד, יג (לפי מדרשו. ובמקומו (דברים ג, יא) מפרש רק לפי פשוטו) „עוג שפלט מדור המבול". — וראה פני דוד (להחיד"א) פרשתנו כאן (בשם הרי"ד) שהענקים (דפרשתנו) „מבני עוג יצאו" (ונולדו לאחר המבול).

ולהעיר מראב"ע כאן ד„מן הנפילים" הוא ע"ד מ"ש בבראשית שם „וגם אחרי כן גו'", שלפי הראב"ע (משא"כ לפרש"י) שם, היינו שנמלטו „אחר המבול" (ראה רמב"ן שם). וראה רמב"ן פרשתנו יג, כב (בנוגע לאחימן גו' וארבע. ולהעיר מרש"י ח"ש כג, ב). ועוד. ואכ"מ.

39) נח ז, יא.

40) שם ח, ב.

41) סנהדרין קח, ב. ועוד. — אבל ראה השקו"ט אם כ"ה שיטת רש"י בפירושו עה"ת (לקו"ש ח"ה ע' 51 הערה 32. ח"י ע' 35 ובהערה 46 שם).

42) נח ז, כג.

43) ראה עד"ז אלשיך פרשתנו כאן. וראה הערה 38.

„שמחזאי" באַשטייט פון צוויי ווערטער — „שם חזאי", ד.ה. אַז ווען מען קוקט (חזאי) אויף אים זעט מען שממה („שם" איז פון לשון „שממה", און ווי רש"י טייטשט (בפירושו הב') אויף אנשי השם — „אנשי שממון ששממו את העולם"):

און דער נאָמען „עזאל", איז נוסף לזה וואָס דער נאָמען כמו שהוא ווייזט אויף דער שטאַרקייט פון דעם מלאך (עזאל, מלשון עז), דערמאָנט ער אויך אויפן שם „עזאזל" (וואָס מ'האָט שוין געלערנט אין פ' אחרי[44]), וואָס רש"י פאַרטייטשט עס „הר עז וקשה צוק גבוה", אַז דאָס איז ניט סתם שטאַרקייט, נאָר פון אַ מקום „עז וקשה", וואָס איז אַ מקום שממה — ניט מן הישוב.

די נעמען פון די צוויי מלאכים ווייזן אַז ענינם איז עוז און צו ברענגען שממה וחורבן העולם לשחת הארץ[45] (היפך הברית מיט נח'ן לאח"ז און רצונו של הקב"ה, אַז עס זאָל זיין ישוב העולם).

ז. ע"פ הנ"ל יומתק דער המשך פירושי רש"י אויף די ווייטערדיקע ווערטער אין פסוק „(ושם ראינו את הנפילים גו') ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם":

„וכן היינו בעיניהם" איז רש"י מפרש „שמענו אומרים זה לזה נמלים[46] יש בכרמים כאנשים", און דערנאָך איז רש"י מעתיק דעם וואָרט „ענק" און איז מפרש „שמעניקים חמה בקומתן".

איז ניט מובן: א) פאַרוואָס דאַרף רש"י בכלל זוכן אַ פירוש אויפן לשון „ענק"? ב) באם מוכרח — פאַרוואָס זאָגט עס ניט רש"י פריער[47], אין פסוק[48] „וגם ילידי הענק ראינו שם"? ג) פאַרוואָס איז רש"י מפרש דעם וואָרט „ענק" נאָך זיין פירוש אויף „וכן היינו בעיניהם" — היפך זייער סדר אין פסוק[49] („בני ענק . . ונהי בעינינו . . וכן היינו בעיניהם")?

איז דער ביאור אין דעם:

ווען ס'רעדט זיך וועגן סתם ענקים, אנשים גבוהים, איז אנשים בגובה הרגיל ניט שייך אַז זיי זאָלן לגבי זיי אויסזען ווי „נמלים (יש בכרמים)". וואָרום דער ערך הגובה פון אַן ענק[50] לגבי סתם אַן אדם (שגובהו ג' אמות[51]) איז לגמרי ניט בערך ווי צווישן אנשים און נמלים. און דעריבער, דוקא לאחרי ווי רש"י איז מפרש „שמעתי אומרים זל"ז נמלים כו'", מוז ער זאָגן אַז דאָ איז דער טייטש פון „ענק" — „שמעניקים חמה בקומתן".

און דאָס איז מתאים מיט'ן חילוק שנתבאר לעיל צווישן די צוויי פסוקים:

---

44) טז, ח.

45) נח ט, יא. — היפך בריאתה שהי' באופן כי טוב מאד וציווי השם מלאו את הארץ וכבשוה.

46) ברא"ם כ' שט"ס הוא וצ"ל „כחגבים". וראה בארוכה השקו"ט במפרשי רש"י.

47) כמו שהקשה בשפ"ח. קיצור מזרחי (בשם מהר"ן).

48) יג, כח. ולפנ"ז (שם, כב) ושם גו' ילידי הענק.

49) ראה דבק טוב. קיצור מזרחי שם. — ובס' זכרון „לפי דעתי חלוף סופרים הוא זה".

50) אפילו עוג* (שע"פ הרמז) אשר בפרש"י שבס"פ חוקת (ע"פ ברכות נד, ב) — היו עד קרסוליו רק שלשים אמה — וראה דברים (ג, יא): באמת איש, ובפרש"י וכו' שם.

בפרש"י בפסוק שלפנ"ז (ד"ה אנשי מדות) כגון גלית גבהו שש אמות וזרת (אבל לא קאי ב„ענק" אלא ב„אנשי מדות", שזה הי' אצל „כל העם גו'").

51) ראה רש"י בשלח טז, כט: ג' לגופו כו'.

---

*) שהי' מבני שמחזאי כו' (כנ"ל סוס"א מנדה סא, סע"א) — סוג הב' שבפנים — שהרי נמלט מן המבול (כנ"ל הערה 38).

דעם ערשטן מאָל ווען זיי האָבן געזאָגט „וגם ילידי הענק ראינו שם" האָבן זיי געמיינט סתם ענקים; דוקא דאָ, וואו עס רעדט זיך וועגן „נפילים . . שנפלו מן השמים", זיינען זיי אַזעלכע ענקים „שמעניקים חמה בקומתן"[52], וואָס דערפאַר „ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם".

ח. פון יינה של תורה שבפירוש רש"י זה:

די הוספה פון רש"י — אַז מיט „ושם ראינו את הנפילים גו'" האָבן די מרגלים געמיינט די מלאכים „שנפלו מן השמים" — איז מתאים צום תוכן הטענה פון די מרגלים ווי עס ווערט מבואר אין פנימיות התורה.

עס איז ידוע דער ביאור פון אַלטן רבי'ן[53] בנוגע חטא המרגלים, אַז זייער סברא — ניט צו וועלן אַריינגיין אין ארץ ישראל — איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט בלייבן אין מדבר ווייל דאָרט איז מען אויסגעטאָן פון טרדות בעניני פרנסה (ובכלל — פונעם עסק בגשמיות העולם), כדי מען זאָל זיך קענען אָפּגעבן אינגאַנצן מיט עבודה רוחנית. משא"כ אַריינגייענדיק אין ארץ ישראל, ארץ נושבת[54], וואו עס הויבט זיך אָן דער סדר פון „שש שנים תזרע שדך גו'"[55], וועט דאָס זיי אָפּרייסן פון עבודה רוחנית.

און דער שורש הטעות איז געווען זייער הנחה, אַז רוחניות און גשמיות מוזן זיין בסתירה זה לזה, מען קען ניט זיין פאַרנומען מיט גשמית'דיקע ענינים און גלייכצייטיק זיין צוגעבונדן צו רוחניות.

און דאָס איז וואָס די מרגלים האָבן געזאָגט „ארץ אוכלת יושבי'" — אַז אויב מ'איז זיך „מתיישב", מ'טוט זיך אַריין אין עניני ארץ, ווערט מען „אויפגעגעסן" אַיינגעזונקען אין די טרדות פון עניני הארץ, „אוכלת יושבי'".

עפ"ז איז מובן דער המשך הענין (וואָס זיי האָבן געזאָגט) „ושם ראינו את הנפילים גו'" — וכפרש"י אַז דאָס מיינט „מבני שמחזאי ועזאל שנפלו מן השמים בימי דור אנוש": ווי דערציילט בארוכה אין חז"ל[56], איז מלכתחילה זיינען זיי אַראָפּגעקומען מיט אַ כוונה לשם שמים, נאָר זיי האָבן ניט געקענט בייקומען די חומריות ונסיונות פון עוה"ז און נפלו ממדריגתם כו'. ניט קוקנדיק אויף זייער גרויסער מעלה זייענדיק בעולמות עליונים, איז בירידתם למטה האָבן זיי ניט נאָר ניט געקענט אָנהאַלטן זייער פריערדיקע מדריגה, נאָר אדרבה, דאָס האָט אין זיי גורם געווען אַ נפילה ממדריגתם.

ועד"ז — האָבן די מרגלים גע'טענה'ט — איז בנוגע לבנ"י: אע"פ אַז אין מדבר זיינען זיי געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכער מדריגה, אָפּגעריסן פון עניני העולם (בדוגמא צו מלאכים), וועט אָבער די כניסה אין א"י גורם זיין אין זיי אַ נפילה ממדריגתם.

ט. אויף דעם האָבן יהושע וכלב געענטפערט[57]: „אם חפץ בנו ה' והביא

52) ולהעיר שזה מורה ג"כ על כחם בשמים — מעניקים חמה כו'.

53) לקו"ת ריש פרשתנו (ע"ש). דרמ"צ קפא, א ואילך. ועוד. וראה לקו"ש ח"ד פ' שלח. ובכ"מ.

54) ל' הכתוב — בשלח טז, לה.

55) ר"פ בהר.

56) ראה בארוכה יל"ש בראשית שבהערה 13. ועוד.

57) ראה הנסמן בהערה 53.

אותנו אל הארץ הזאת גו׳ אל תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם גו׳ וה׳ אתנו״[58] —

אע״פ אַז בנוגע מלאכים איז אַראָפּקו־מענדיק למטה אין גשמיות העולם ווערן זיי נפילים (נפילה ממדריגתם) — זיינען אָבער אידן אַנדערש[59], ווייל ביי אידן איז „חפץ בנו ה׳״, דעם אויבערשטנ׳ס חפץ ותענוג איז אין די אידן און אין זייער עבודה (למטה). און דערפאַר האָבן אידן שלא בערך העכערע כוחות ווי מלאכים. די נשמה פון אידן איז „חלק אלקה ממעל ממש״[60], ישראל וקוב״ה כולא חד כביכול, און דעריבער איז ביי אידן פאַראַן כחו של הקב״ה צו קענען מחבר זיין צוויי הפכים, גשמיות ורוח־ניות גם יחד, בהגברת[61] הרוח (והצורה שבהגשם עצמו).

ביז, אַז אַ איד קען, נוסף צום זיין צוגעבונדן צו רוחניות אויך ווען ער געפינט זיך אין גשמיות העולם, אויפ־טאָן נאָכמער, ער קען איבעראַרבעטן די גשמיות העולם גופא און דערפון מאַכן אַ דירה לו יתברך.

און דאָס האָבן יהושע וכלב געזאָגט „אם חפץ בנו ה׳ והביא אותנו גו׳״, אַז וויבאַלד „חפץ בנו ה׳״ האָבן אידן ניט וואָס מורא צו האָבן פון עם הארץ, און נאָכמער — „לחמנו הם״: ניט נאָר וועט ניט זיין אַז „ארץ אוכלת יושבי׳״, נאָר להיפך „לחמנו הם״ דער (עם ה)ארץ, אידן וועלן עס מברר ומזכך זיין, ווערן אַ בעה״ב אויף דער ארץ און איר איבער מאַכן — מאַכן פון איר אַ דירה לו יתברך.

(משיחות ש״פ שלח תשמ״ב)

58) פרשתנו יד, ח־ט.

59) ראה לקו״ת ברכה צח, סע״א. ובכ״מ בארוכה.

60) תניא רפ״ב.

61) ועיין תניא פל״ב „נמאס כו׳ טפלה כו׳ ולהעלות . . על כו׳״. ואכ״מ.